STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06138

DER SPEKTAKEL FUN DI PIRAMIDEN

Samuel Burshtyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

to 5 Feb 1933.

סעמועל באָרשטין

דער ספּעקטאַקעל

פון די

פּיראַמידען

געדרוקט אין „אַלפאַ פּרעס“,

ניו יאָרק

Copyright by
SAMUEL BURSHTYN
1922



סעמועל באָרשטין

דער ספּעקטאַקל פון די פּיראַמידען

(ערשטע סימפאָניע).

די ביהנע שטעלט פאָר אַ ריעזיג גרויסען זאַל. —.די ווענד זענען בלאָה דעקאָרירט, אין די רעכטע זייט זעהט זיך, אַ ליכט אַפּאַראַט אין אַ גרינעם אַבאַזשור געהילט, שטראַה־לענדיג אַ צאַרטעס דונקעל ליכט איבעראַל אַרום. עס זעהען זיך פיעל גרויסע בילדער אַרום און אַרום ווי אין איין מוזעאום, אָבער זעהר שוואַך געזעהען דורך דעם דונקעלען ליכט וואָס שוועבט אַזוי צאַרט דורך דעם זאַל, און וואַרפט טאַנצענדע ליכט און שאָטען איבעראַל אַרום. דאָס ליכט ווערט פערצערט, עס ווערט דונקעל און פינסטער, עס פלאַמט אויף אַ לירע פון גרינעם פייער־ליכט און דורך די לירע זעהט זיך אַ געזיכט וואָס בעגינט מיט אַ מעכטיגע שטימע.

דאָס געזיכט אוים די לירע.

לעבען, פריינדשאַפט, ליעבע, גליק,
קונסט, שעהנהייט, מוזיק און לוסט,
ליטער מענש דיין אויגען בליק —
אויף — אָ מענש! מיט האַרץ און ברוסט...

רוף אוים מיט דונער שטים — איך בענש —
גייסט געקרוינטע שעהנע וועלט,
אינדיווידום, פערזאָן-מענש —
דער אַל און גייסט אויף געהעלט,

ס'הערט זיך קראַך פון אַלץ וואָס שלעבט
פלאָם פערצעהרט דאָס פאַלש געזיכט. —
העלדען גייסט פון וואַרהייט רעכט
פעסט שטעהט שוין דאָס וועלט געריכט...

(דאָס בילד פערלירט זיך און דאָס בילד פון
„משה" — מישעל אַנזשעלאָס סטאַטוע ווערט
ליכטיג און בענינט).

דאָס בילד משה.

פרייהייט! בעוועגסט די לוסט צום לעבען,
דערפאַר מוז דער מענש פריי זיין —
עס קרעפטיגט זיך דעם מענשענס שטרעבען
דער גייסט ווערט לויטער העל ריין.

און דאָך איז נישט אַליין די פרייהייט
וואָס עס שאַפט די שעהנע וועלט,
ס׳קומט נאָך פערנונפט, זעעלע און טרייהייט, —
קונסט, טאַלאַנט, מאָראַל וואָס שטעלט —

דעם גרויסען וועלט-טהורם פון אידעאַליזם
וואָס ברענגט פרייד און לעבענס גליק, —
און איין אונבעקאַנטער פאַנטהעאיזם
זעהט זיך גלייך ביי יעדען בליק...

(דאָס בילד משה פערלירט זיך און דאָס בילד
פון קעניג דוד ווערט ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד קעניג דוד.

און אויך מיט שעהנע האַרפען קלאַנגען —
מוז די מענשהייט — אויך דער מענש
דעם ציעל דערגרייכען מיט געזאַנגען
קלינגט אין לופט דאָס וואָרט — איך בענש. —

און קרוין דיך וועלט צום שעהנעם לעבען,
ס׳גליקט דיר ליעבע — פריעדענס קראַנץ.
און זעה — עס האַלט זיך אין איין וועבען
געזאַנגען, לוסט-פרייד און טאַנץ...

(דאָס בילד קעניג דוד פערלירט זיך, און דאָס
בילד קעניג שלמה ווערט ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד קעניג שלמה.

און אויף דעם דענקער טראָהן פון דענקען
טראָהנט דער גרויסער דענקער גייסט,
זעהר געשטרענגט פון אַ טיעפען בענקען
איז אַלץ ווייניג וואָס ער ווייסט.

בעגרייפען חכמה, — און בעגעהרען
וואַרהייט, שעהנהייט, קראַפט און ליכט,
און וואָס מעהר און מעהר צו בעלעהרען
שאַפענדיג דאָס וועלט געריכט...

(דאָס בילד קעניג שלמה פערלירט זיך, און
דאָס בילד ספּעקטאַקלעס ווערט ליכטיג און
בעגינט).

דאָס בילד סאַפאַקלעס.

ווי ריין עס איז דער שעהנער הימעל
ווערט ער אויך מיט וואָלקען גראָה,
און ס׳קומט אָן מיט אַ שטיל געווימעל
אונבעקאַנט — וואָס איז לאַנג שוין דאָ...

דאָס צופאַל, קאָנפליקט, בייז און ליידען —
האָט אין לעבען אייביג אָרט
און ס׳שלעכטע קען זיך נישט פערמיידען
עס העלפט נישט העלד־גייסט און וואָרט...

(דאָס בילד סאַפאַקלעס פערלירט זיך, און דאָס
בילד שעקספּיער ווערט ליכטיג און בעגינט)

דאָס בילד שעקספּיער.

פון מענש — מענשהייט אין אַלע צייטען —
איז דער גייסט פון גוט און בייז,
אויך געבונדען פון זילבער קייטען,
— ווער ס׳איז שולדיג פעהלט בעווייז.

עס איז דער מענש, — און מענשהייט אימער
געוועזען קליין, קורץ און גרויס
אין שטאָדט, דאָרף, אין לעבען, אין צימער
קאַריקאַטור, שעהנע רויז...

(דאָס בילד שעקספּיער פערלירט זיך, און דאָס
בילד געטהע ווערט ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד געטהע.

עס רוהט אין מענשענס זעעלע אימער
ס׳גוטע געפיהל און בעגעהר,
און פיעל בעהערשט פון זאָרג און קימער
צו די אידעע פון גוטען וואָס מעהר.

פיעל מאָהל האָט טריאומף שוין געזינגען
דעם זיעג פון גוט איבער בייז
אָרום איבעראַל אויסגעקלינגען, —
עס איז בעקאַנט שוואַרץ אויף ווייס...

(דאַס בילד געטהע פערלירט זיך, און דאַס
בילד סאַפאָה ווערט ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד סאַפאָה.

אין אַ ים שטורם פון ליעבעס לעבען
טרייבט דער מענש זיין שיף זעהר ווייט
געהיימע בענקשאַפט, און בעשטרעבען —
נאָך שטורם-ליעבע פריהלינגס-צייט...

ס׳פלאַמט אויף מיט פייערליכע שטראַהלען
די עראָטישע ליעבעס לוסט,
און דער מענש ווי איין קינד מוז פאַלען
צו די מוטער ליעבע ברוסט...

(דאַס בילד סאַפאָה פערלירט זיך, און דאַס
בילד שולמית ווערט ליכטיג און בעגינט),

דאָס בילד שולמית.

און שטאַרק בעהערשט פון צערטליכקייטען
איז דער מענש, — צי מאַן צי פרוי —
אין אַלע גרויסע קליינע צייטען
פון בליה יוגענד צום אַלט גראָה. —

ווען אַלע שעהנע עלעמענטען
גלייך פעראייניגט אין איין קראַפט
זינגען דאַמאלסט די פירמאַנענטען
ס׳לעבען פרייד זיך און עס שאַפט.

פערגעניגען פיעל, גליק בעגעהרען,
פרייד אין אַ יעדען געצעלט,
און אַ שיר השירים זינגט — ליעבע,
לעבען, שעהנהייט, קונסט און וועלט.

און עס זינגען מיט אַלע הימלען
און דער גלאָק פון פרייהייט קלינגט
פריינדשאַפט, פרייהייט, אין אַלע וועלטען
און נאַטור פריהלינגט און זינגט, —

איבעראַל אַרום די אייביגקייט, —
אַ האַרמאָניע דאָ און דאָרט,
פעלד ליעדער און טאַנץ ספּעקטאַקעלען
מיט מוזיק געזאַנגע און וואָרט.

(דאָס בילד שולמית פערלירט זיך, און דאָס
בילד חוה ווערט ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד חוה.

און זעהר געשטרענגט פון טיעפען דענקען —
גרייפט דער מענש צום וויסענס בוים,
שטאַרק גענייגט פון בעגעהר און בענקען
ווערט דער מענש דאָך פריי פון צוים,

נעמט די פרוכט פון שלאַנגען צערטליכקייט
פאַר דעם גליק — צי געגען גליק ?
און געפינט דאָך נישט די זעליגקייט —
קלאָגט ער מיט פערשעהמטען בליק...

(דאס בילד חוה פערלירט זיך, און דאס בילד
אדם ווערט ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד אָדם.

אייביג בעגעהר נאָך גליקזעליגקייט
נאָך פּאַראַדייזישע פּראַכט,
פון רוה — ליעבעס לעבען — געטליכקייט —
וואונדער שעהנע פריהלינגס נאַכט.

אויך גליקליך איז דער טאָג און מאָרגען
ס'לעבען איז אַ וואונדער ליעד,
עס קומט דעם מענשען נישט צו זאָרגען
ער זאָל צום טרוים — נישט זיין מיעד...

צו קלערען, פאָרשען, טראַכטען, דענקען,
נישט געקוועלט אין גייסט און הערץ,
און אימער נאָך דאָס נייע בענקען
נישט ליידענדיג קיין וועלט שמערץ...

(דאָס בילד אדם פערלירט זיך, און דאָס בילד
ווענוס ווערט ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד ווענוס.

אין שעהנעם בליק פון מאָרגען שטראַהלען
זעה איך אין שפּיגעל מיין בילד,
די בלאַנקע זיידען לאָקען פאַלען
אויף מיינע שולטערען ווילד.

די צווילינגס ברוסטען ווי צווײ אויגען
פון אַ וואונדערליכען בליק,
פון ערעל מוזיק בעוועגט צו זויגען
צערטליכקייט און ליעבעס גליק.

עס הייבען זיך אין אַ בעוועגונג
מיינע צאַרטע שעהנע הענד,
ערשטיש ציטערדיג אין רעגונג
פאַל איך מיער אין די פיר ווענד.

אין מיין ווענוס רוים פון בעגעהרען
איז ליידענשאַפט שוין פיעל פאַרברענט,
דער בליק פון די נאַכטיגע שטערען
האָט אויך שמערץ אין מיר דערקענט...

(דאס בילד ווענוס פערלירט זיך, און דאס בילד סאלאמעא ווערט ליכטיג און בעגינט).
מאלעריש בילד פון פראנץ פאן שטוק.

דאָס בילד סאַלאָמעאָ.

פאַר דעם שעהנעם קאָפּף פון יאָהאַנאַן
טאַנץ איך דאָס דעם שעהנעם טאַנץ
ענטהילענדיג מיין נאַקט־לייב פריהלינג
קראַנצענדיג אַ בלומען קראַנץ —

אַרום דיין קאָפּף און שעהנע אויגען, —
מיט די קוסען פון מיין מונד
ווערט דיין ענד לעבען אויסגעזויגען
פייערליכער ליעבעסבונד...

שטורמישער — זעעלע — ווילד און ווילדער
כ׳וואַרף מיין לעצטען שלייער שוין,
מיין נאַקט־לייב פריהלינג איז דופט בלומען
און טויט ליעבע איז מיין לוין...

ס׳הייבען זיך מיינע שעהנע פיס זיילען
און עס זינגט מיין הערץ און ברוסט
ערָאָטישען ציטער און בעגעהר
פון אַ געשלעכטליכע לוסט...

און מיין קאָפּף און פערעל האַלז געשטרעקט
צום הימעל גלייך ווי צו גאָט, —
בעטענדיג פאַר לעבענס לוסט בעגעהר
וואָס בעגרייפט נישט קיין פערבאָט.

איך טאַנץ דעם לעצטען צוג אָה לעבען!
ריטמיש מיט פיזישען גרונד
מוזיק און בליה געשלעכט בעוועגונג
פייערליכער ליעבעס בונד...

(דאס בילד סאלאמעא פערלירט זיך און דאס
בילד הענריך היינע ווערט ליכטיג און בעגינט)

דאָס בילד הענריק היינע.

אָה ליעבעס בעגעהר! בענקשאַפט, ליידען, —
אויסגעצערט פון ליעבעס לוסט
איז מיין צאַרטע מענשליכע נאַטור
גייסט און זעעלע, הערץ און ברוסט.

אַ טראַגיש נישט דערגרייכטע ליעבע
מאַכט מיין לעבען ליידען לאַנג,
אונפערגעסליך אין אַלע צייטען
פון שטורם ליעבע — ליעבעס־באַנג...

אָה שעהנע פּרינצעסין סאַלאָמע!
כ׳האָב דיך דערגרייכט אין געהער,
דיין טהאַט מאַכט מיך שרעקליך אויפגערעגט —
ווילד אונמענשליכעס בעגעהר...

דאָך כ׳וויים נישט וואָס מיט דיר צו טוען
כ׳מוז דאָס דורכדרענקען אין רוה,
איך וואָלט מיט דיר דערווייל צופאָהרען
נאָך ווערסייל, און פאָנטען־בלאָה...

(דאס בילד הענריך היינע פערלירט זיך, און
דאס בילד באדלער ווערט ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד שאַרל באָדלער.

וועלט ציוויליזאַציאָן און קולטור!
האַ־האַ־האַ — ביזט ווייט דערפון —
אָה מענשהייט — און שלעכט איז דיין נאַטור
אויך דיין זעעלע — גייסט און זין...

שוין טויזענדער יאָהרען פערפלויגען,
טויזענדער יאָהרען פאַרביי —
און דו קריכסט נאָך אימער געבויגען
טראָגסט אַלץ אַ הויקער אויף ס׳ניי.

די גרויסע געניען און דענקער
זענען פאַר דיר אַ שפּיעלצייג,
און ווי איין אָפּפער ביי דעם הענקער
איז ביי דיר דאָס גליק אין שטייג.

און ווען דו זאָלסט דעם דענקער עהרען
דאָ מאַכסט דו איהם גאָר צו שאַנד,
און נייגסט דיך פאַר מאָראַל און לעהרען
פון איין אידיאָטישען שטאַנד.

(דאס בילד באדלער פערלירט זיך, און דאס
בילד עדגאר פאע ווערט ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד עדגאַר פּאָע.

דאָס לעבען אַלס אַ וועלט סימפאָניע
פון שענסטע הימלישע הויך,
אין אַ צאַרטע שענע האַרמאָניע
דאָ קומט שוין די ליעבע אויך...

דאָך ליעבע קען אויך זיין אַ פּראָלאָג
צו לעבענס דראַמאַ און וועלט, —
אַזוי ווערט דער מענש אַ סאָציאָלאָג
און ווערט אויך סאָציאַל געשטעלט.

(דאס בילד פּאָע פערלירט זיך, און דאס בילד
אסקאר ווײלד ווערט ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד אָסקאַר ווײַלד.

איך האָב אויף איין אַלפּען בערג שפּאַציר
געזעהן אַ וואונדערליך בילד
איך האָב מיך געשראָקען דעריבער
ס׳האָט מיר געשיינט אַזוי ווילד.

ס׳האָט געזעלשאַפט געטאַנצט קאַראַהאָד
און צוגעזונגען אַ ליעד
געטאַנצט האָבען זיי זעהר בעגייסטערט
און גאָר נישט ווערענדיג מיעד.

פּלוצלינג זיי שטעלען זיך אין רייהען
בעגינען מיט שטורם אַ קריעג,
זיי שלאָגען זיך שטאַרק ווי טיטאַנען
ביז איין רייה דערגרייכט אַ זיעג.

און זיי טאַנצען גלייך דעם קאַראַהאָד
צאַרט בעגייסטערט ווי בעפאָר
און זינגען די פרעהליכע טאַנץ ליעדער
אַלע צוזאַמען אין כאָהר.

שטעה איך און בליק צו מיט אַ שמייכעל,
און שפּרעך צו מיר גאָר אַליין, —
זיי מוזען זיכער זיין מיטגליעדער
פון אַ טאַנץ און קריעגס פעראיין...

(דאָס בילד אָסקאַר ווײַלד פערלירט זיך, און
דאָס בילד לאָרד בייראָן ווערט ליכטיג און
בעגינט).

דאָס בילד לאָרד בייראָן.

אָה, מענש! טרוים פון טרוימען — אידעאַל —
גיגאַנט — טיטאַן — ריעזיגער העלד —
שטרענג אָפּ דיין בליק אַרום איבעראַל
דורך פּערספּעקטיוו צו וועלט...

הויב אויף דיינע ריעזיגע קרעפטען
וואַרף אום די זיילען פון בייז,
און ס׳לעבען אין ליעבע בעהעפטען
דורך וויסען — וויסענס בעווייז. —

און אַ ניי וועלטליכע סטרוקטור
פון פּאַראַדיזישע פּראַכט,
אין געזאַנג פון לעבען און נאַטור
דורך אייביגקייט — טאָג און נאַכט...

(דאָס בילד לאָרד בייראָן פּערלירט זיך, און
דאָס בילד „דער דענקער", סטאַטוע פון ראָדען,
ווערט ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד „דער דענקער".

ב־ר־ו־ר — ב־ר־ו־ר — איך בין איין אָדם געשעפּף
אין גרויסען קאָסמישען אַל, —
שטייג אויף מיין זעעלע פון פּרימיטיוו
צו דעם וועלט געדאַנקען קוואַל.

ב׳טראָג די לאַסט פון טויזענדער יאָהרען
און עס איז פאַר מיר נישט שווער,
ב׳גליה מיין גייסט אין פלאַמיגען פייער
און ב׳קרעפטיג איהם אין בעגעהר.

ב־ר־ו־ר — ב־ר־ו־ר — איך בין — איך בין — דער גיגאַנט
וואָס כאַפּט אויף דעם שטורם און בליץ
דונער קנאַלען — נאַטור געוואַלטען,
און צובייס דאָס מיט אַ וויץ.

און עס איז מיין גייסט טעלעגראַפיש
פעראייניגט מיט וועלט און צייט,
און כ׳טראָג אין מיינע הענד די שטראַהלען
פון דער נאָהנט און הימעל ווייט...

(דאס בילד „דער דענקער" פערלירט זיך, און
דאס בילד פריעדריך ניעטשע ווערט ליכטיג
און בענינט).

דאָס בילד פריעדריך ניעטשע.

וועלט געהיימנים פון צוקונפט צייטען ! —
כ׳זין דאָס בוך פון בלאַט צו בלאַט
און וואַרף מיין בליק אין אַלע וויטען
דורך אידעען, און דורך טהאַט,

און איבער וויטע האָריזאָנטען
פון הויך געבירג אויסגעזעהן, —
די צוריקצוגען און די פראָנטען
דערשיינען מיר אָפטמאָהל שעהן.

דאָך קלינגט מיר נישט דער מאַסען פסיכאָז
וועלט אידעאַליסטישען קלאַנג
פון וואָס עס טרוימט דער וועלטען ווירטואָז
טויזענדער יאָהרען שוין לאַנג.

און צו גאָר נייע פּיראַמידען
איז דער מענש אויך גייסט פערשקלאַפּט, —
גלייך ווי אין עגיפּטען די אידען
בערויבט פון לוסט, מאַכט און קראַפט.

און אַ ווירקליך אידעאַלע פּלאַטע
זעהט זיך זאָגאַר נישט אין טרוים, —
און מאַרקס אַרטילעריע — פּיעכאָטע
האַלט די וואורצלען ווי אַ בוים...

און אידעען ווער'ען פערגעסען
פון רעגיערונג און שטאַט, —
באַקונינס גוואַרדי — און טשערקעסען, —
עס פעהלט זיי אַל געדאַנק און טהאַט.

(דאס בילד פריעדריך. ניעטשע פערלירט זיך,
און דאס בילד קארל מארקס ווערט ליכטיג
און בעגינט).

דאָס בילד קאַרל מאַרקס.

זעהר פיעל בעזאָרגט אין ליידען זענען
וועלט פאָטער און מוטער ערד,
זיי ווילען דאָס גוטע דערקענען
אין אַ לעבען וואָס בעגעהרט —
קיין פּיין, קיין אונגליק, קיין ווירוואואַר,

צערטליכקייט און גלייכע וועלט,
קיין ליידענס מענש, און קיין פּראָלעטאַר, —
ריכטיג פינאַנציעל געשטעלט *

(דאס בילד קארל מארקס פערלירט זיך, און
דאס בילד באקונין ווערט ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד באַקונין.

מיין ריעזען האַנד שטייגט אין קראַפט מוסקול
איך אָטהעם די געזונדע לופט,
און פריידענס לוסט זינגט אין מיין נאַטור
און ס׳לעבען רופט — ס׳לעבען רופט...

איך קען קיין שקלאַפען וועלט נישט ליידען
ניין ניין אָ פינסטערע נאַכט,
כ׳האָב געניג ליעבע פאַר די מענשען
נידער טיראַנישע מאַכט.

(דאס בילד באקונין פערלירט זיך, און דאס
בילד נבוכדנצר ווערט ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד נבוכדנצר.

האַ — דער קעניג איבער קעניגע —
זיכער ווייסט די וועלט פון מיר, —
אין יעדען ווינקעל און איבעראַל
זיעגרייך אין אַ יעדען ריהר.

און עס מעהרען זיך לאַנד געביעטען
נייע שקלאַפען, נייער שטאַם,
הע — טרייע לייט כ׳בין גרייט צו שטאַב ר
דורך עפּהראַט אין שיף אַרק פלאַם.

(דאָס בילד נבוכדנצר פערלירט זיך, און דאָס בילד געאָרג וואַשינגטאָן ווערט ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד געאָרג וואַשינגטאָן.

אָ פרייהייט — גלייכהייט — ברודערליכקייט —
און אויך אַ מענשליכע וועלט,
מיט צערטליכקייט און גוטע אידעע
איז דאָך דער טהורם פעסט געשטעלט.

און ליעבע, לעבען, שעהנהייט, פריידען,
מיט האַרמאָנישען געזאַנג,
אַ טאַנץ פון גליק אין וועלטען לעבען
מיט יובעל און האַרפּען קלאַנג.

און קלאָהרער ווערט דער ציעל פון לעבען
לויטער ווערט דער מענשען גייסט
די שיף געהט פאָרווערטס מייעסטעטיש
מיט שיפ׳ס קאַפּיטאַן וואָס ווייסט.

(דאס בילד געארג וואשינגטאן פער־
לירט זיך, און דאס בילד ראפאעל ווערט
ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד ראַפאַעל.

דער הימעל ריין אין בלויען וואונדער
ס׳זינגט די נאַכטיגאַל אַ ליעד,
און די שטערען ווי הימעל׳ס קינדער
שיינען פינקלען מילד און מיעד.

און דער מאָנד שיינט ווי אַ מאַדאָנאַ
פון אַ צערטליכען געזיכט, —
בעמערקט די שטערען קינדער שיינען
צופריעדען מיט׳ן וועלט געריכט...

(דאס בילד ראפאעל פערלירט זיך, און דאָס
בילד דאנטע ווערט ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד דאַנטע.

כ׳טראָג צוויי בענקשאַפטען אין מיין זעעלע
בעאַטריץ און דאָס וועלט בילד, —
ליעבסטע בעאַטריץ! איך בין פייער,
געטליכעס פייער און ווילד —

פערבענקט נאָך דיין עדעל שעהנהייט
און וואונדערליכע געשטאַלט,
און מוזיק איז מיר דיין בעוועגונג
ווי דער סוד פון שעהנעם וואַלד.

בעשטרעב איך דאָס מיט דיר צו ווירקען
אין ליעבע און פאַר די וועלט,
שטייגען מיר אויף אַלס גייסטער העלדען
צו נייעם לעבען געשטעלט.

געטליכע ליעבע נייעס לעבען —
גליק און פרייד און צאַרט געזאַנג,
עס זינגט אויך מיט די וועלט און נאַטור
און פון ווייט דאָס עכאָ קלאַנג.

(דאס בילד דאנטע פערלירט זיך, און דאס
בילד די עווא שלאנג ווערט ליכטיג און
בעגינט).

דאָס בילד די עוואַ שלאַנג.

איך בין די עוואַ שלאַנג ! שוי צייטען –
טויזענדער יאָהרען בעקאַנט,
עס האָט זיך חוה נישט געשראָקען
פאַר מיין טרייע צאַרטע האַנד.

פון וויסענס בוים די פרוכט צו עסען
די פרוכט איז גוט — גאָר נישט שלעכט,
האַלט מיין פריינדין דעם שעהנעם עפּעל
אָדער בלייבסט אַ גלויבענס קנעכט ?

געפּאָלגט האָט מיך די שעהנע עוואַ
נעמט דעם עפּעל פון מיין האַנד
און טאַנצט פאַר פרייד אַ שעהנעם וואַלצער
מיט מיר צוזאַמען ביינאַנד.

אויך זעלבסט איך בין אין פרייד געוועזען
האַ־האַ־האַ־האַ־האַ־האַ —
האָט עוואַ דערהערט מיין פריידיגקייט
טראַלאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ.

פאַרביי איז שוין טויזענדער יאָהרען
יאָ, שווערע צייטען פאַרביי —
יעצט האָב איך אַ פרוכט פון אַ גאָרטען
וואָס איז גוט און אויך גאָר ניי —

אַ פרוכט פון דעם גאָרטען פּאָעזיע
איין עפּעל פון הימעל בלאָה, —
און יעצט רוף איך דיך — נייע עוואַ!
עוואַ — דער עפּעל איז דאָ...

אָ עוואַ! וואונדער שעהנע עוואַ —
ס'ציטערט דער עפּעל אין האַנד
אָ, קום דו הויכע־שלאַנקע־צאַרטע —
מיר געהען אויך אַ וואַלץ ביינאַנד.

כ'האָב דיר אויך אַ סוד צו בעגעבען
פון איין אָדם — דיכטער מענש —
ווענען זאָלסט געפינען אין לעבען
אַזוי קרוין איך אייך און בענש —

מיט לעבען, ליעבע, גליק און פריידען,
פרייד איך מיך — האַ־האַ־האַ־האַ —
און טאַנץ מיט אייך דעם גרויסען וואַלצער
טראַלאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ —

(דאס בילד די עווא שלאנג פערלירט זיך און
דאס בילד נינאז דע לענקלאס ווערט ליכטיג
און בעגינט).

דאָס בילד נינאָן דע לענקלאָס.

מיר שיינט איך הער אָלאַ־לאַ־לאַ־לאַ —
אָ עוואַ שלאַנג כ׳הער דיין רוף
זיבער אויך דיין אָלאַ־לאַ־לאַ־לאַ —
בין איך פעסט און פייערפרוף...

בעגעהרט וואָלט איך צו עקזיסטירען
אויך אין די יעצטיגע צייט,
כ׳וואָלט געפעלען אַ דיכטער מענשען
דעריבער איז נישט קיין שטרייט.

אַך וואָלט איך איהם אַ וועלט מיט ליעבע —
זיין הערץ און זעעלע דערגרייכט,
געקוסט זיין שעהנעם קאָפּף און שטערען
און צום אידעאַל פערגלייכט.

בין איך אָבער שוין לאַנגע יאָהרען
באַהאַלטען טיעף אין די ערד,
און מיינע טויטע־טויטע ביינער —
איז קיין דיכטער מענש נישט ווערט...

(דאס בילד נינאָן דע לענקלאָס פערלירט זיך,
און דאס בילד פריעדריך שאפּען ווערט ליכ־
טיג און בעגינט).

דאָס בילד פריעדריך שאָפּען.

אָוועגד צופאַל — און גרינע שטראַהלען
בליצען אין מיין וואָהנונגס רוים,
און מיין זעעלע זינגט און מוזיצירט
דאָס ליעד פריהלינג-בלום-און-בוים —

אין וואַלד, אין בערג, אין טהאָל, אין גאָרטען —
הערשט אַ טיעפע לעבענס רוה —
עס הערען זיך לייכט שריט פון וייטען
— זי קומט — קומט — געהילט אין בלאָה.

זי קומט מיין ליעבסטע וואונדערשעהנע —
איך ציטער פאַר פרייד און לוסט,
איך קום — איך לויף איהר שנעל אַקעגען
און נייג מיין קאָפּף אויף איהר ברוסט...

דער בלויער הימעל מאָנד און שטערען
שיקען צו געהיימנים בליק,
מיר געהען אין טעמפּעל שריט שפּאַציר
צום וואַלד, ליעבע, פרייד און גליק...

(דאָס בילד פריעדריך שאָפּען פערלירט זיך,
און דאָס בילד ריכארד וואגנער ווערט ליכטיג
אין בעגיינט).

דאָס בילד ריכאַרד וואַגנער.

דאָס שלאָס ביי דעם ברעג פון מעער געזעהן —
פון ווייט — אויף מיין שיף פון טרוים.
שטראַהלט ווי איין פּאַראַדיז פון וואונדער
מיט פריהלינג-בלומען און בוים.

עס געהט מיין טרוים-שיף לאַנגזאַם-לאַנגזאַם —
און גרין און בלאָה איז דאָס מעער.
אין מיין געדאַנק בליצט די וועלט אידעע
מיט בענקשאַפט, לוסט און בעגעהר.

אָ וועלט, אָ וועלט פון גייסטער-העלדען,
ס'הערט זיך אַ וועלט הימן פון ווייט,
אין איבערמענשליך וואונדער-טענער —
נייע צוקונפט — נייע צייט...

איך שיק מיין בליק צום ווייטען הימעל
און בעוועג מיין שיף זעהר שנעל.
אין מיין שעהנעם שלאָס ווער איך ערוואַרט
מיט פאַקלען וואָס לייכטען העל...

און פון ווייטענס מיין טרוים-געליעבטע
שטעהט ווי אַ סטאַטוע פערבענקט.
כ'קום צו — און קוס איהר מונד און שטערן —
אַך — כ'האָב פון דיר פיעל געדענקט...

(דאס בילד וואגנער פערלירט זיך, און דאס
בילד בעטהאוועז קלינגערס סטאטוע ווערט
ליכטיג און בעגינט).

דאָס בילד בעטהאָווען.

אָ צוקונפטס וועלט- און לעבענס-אידעאַל,
איך שטרענג מיין גייסט הימעל-וויט,
מיט וועלטען-גייסטער בונד געשלאָסען
נאָך די גרויסע, גרויסע צייט.

און ווי אַ הערליכע סימפהאָניע
זאָל שיינען לעבען און וועלט, —
און אינדיווידום, דענקער, דיכטער,
און אויך אַלע פעסט געשטעלט.

בעשטרעבענדיג דאָס מענשליכע
אין געניאַלע דענקער מאַכט.
און ס'שטראַהלט אויף דאָס לעבען וואונדערליך
פון ליעבע, גליק, טאָג און נאַכט.

און עס קלינגען ליעדער פייערליך
מיט מוזיק, מיט מוזיק ביינאַנד.
ס'גריסען זיך מענשען מיט שטורם ליעבע
צום לירישען וועלט-פערבאַנד.

און ס'שטייגען ריעזען און טיטאַנען
גייסטער-דענקער — אָהן אַ צאָהל, —
העלדען מענער און העלדען פרויען,
בעגינען אַל מיט איין מאָהל.

(אַלע בילדער ווערען ליכטיג און עס טרעט
אויף אַ כאָהר אויף די ביהנע אין בלויע,
גרינע און ווייסע קליידונג, מענער און
פרויען).

כאָהר.

מיר בעשטרעבען ליעבע און שעהנהייט.
דאָס לעבען־קונסט, און דאָס גליק,
די פרייד און די פריינדשאַפט־געדאַנקען
אויגען פון לויטערען בליק.

ס׳ערלע הויבע אַלמענשליכע
און פּאַראַדיזישע פּראַכט,
פון וועלטליכע וואַרהייט
ס׳גוטע פון טאָג און פון נאַכט.

די פרייהייט, די פרייהייט, דאָס וויסען
נאַטור, די וועלט און דאָס אַל
דאָס לעבען, דאָס לעבען בעשיינען —
מיט ליעד, מיט בליץ, און מיט שטראַהל.

זינגען מיר, זינגען מיר, אָ העלדען
דאָס ליעד פון לעבען וואָס שאַפט, —
די געגענוואַרט, צוקונפט אין פריידען,
מיט אַ גיגאַנטישע קראַפט.

אדאל ברעזאר

(פאנטאזיע און ווירקליכקייט)

.1

אין דעם פאנטאסטישען לאנד פון געגענוואַרט און צוקונפט איז יעצט א גרויסער יום־טוב. דער וואונדער־שעהנער מארמאר־טעמפעל, וואס האט געדויערט נאר איין יאהר, האט נישט קיין גלייכען צו זיך אין דער גאנצער וועלט, און די געשיכטע האט אויך נישט אויפצייגען, אויב עס האט אמאל עקזיסטירט א שעהנערעס און פאלקאמענערעס קונסט־ווערק, ווי דיעזער טעמפעל, וואס טראגט דעם נאמען „דער טעמפעל פון די פערעספעקטיווען".

טויזענדער קינסטלער זיינען טהעטיג געווען ביי דעם וואונדער־ליכען טעמפעל, וועלכער איז געבויעט געווארען אין דער שטאדט פון איינזאמקייט אויף א גרינעם בליהענדגס־בארג מיט הויכע ריעזען בוימער געריינגעלט, — און מיט טויזענדער וואונדער־בלומען איז דער בארג בעגליקט. און פון דער ווייטענס זעהען זיך די הערליכע וועלדער, וואס שיינען אמאל גרין און אמאל הימעל־בלאה, האלטענדיג די גע־היימניסען פון דער וועלט.

עטוואס ווייטער זעהט זיך דער קריסטאלענער בלאהער ים, וועל־כער רוהט און בעוועגט זיך אין א געטליכען געזאנג. עס פליהען צייטענווייז דורך די שטאלצע ווייסע ים־פויגעל, בעוועגענדיג מאיעס־טעטיש זייערע לייכטע פליגלען, שוועבענדיג אמאל הויך און העכער און אמאל נאהנט צום ים צו.

ווייסע, בלאהע און גרינע גיגאנטישע שיפען שוועבען פון צייט צו צייט פארביי ווי א סוד. אמאל זעהט זיך א זעגעל־שיפעל ווי א טרוים פון ווייט; און אמאל א שיפעל וואס שטראהלט פאנטאסטיש אין פערשיעדענע קאלירען און פארבען. — יעדע שיף, וואס געהט יעצט דורך, ברענגט אייניגע פערזאנען. — פון יעדען ווינקעל אין דער וועלט קומען אן די נייע אידעאליסטען, וואס געהען בעשאפען א וועלט לירישטישע שפראך. די וועלט לירישטישע שפראך געהט בעשאפען ווערען אין דעם „טעמפעל פון די פערעספעקטיווען". עס קומען זיך צונויף צוועלף וועלט גרויסע מוזיקער, צוועלף וועלט גרויסע קונסט־מאלער, צוועלף וועלט גרויסע זינגער, צוועלף וועלט גרויסע ליטעראטען און פאעטען, צוועלף וועלט גרויסע לינגוויסטען און פילאזאפען.

די מוזיקער וועלען זעהן צו ווירקען, אַז די שפּראַך זאָל זיין אַזוי מוזיקאַליש ווי נאָר דער העכסטער קולטור־בעגריף פון מוזיקאַלישער שעהנהייט. די לינגוויסטען און פּילאָלאָגען וועלען היסטאָריש און וויסענשאַפטליך מיטווירקען. די זינגער וועלען עקספּערימענטירען די אויסשפּראַך. די ליטעראַטען און פּאָעטען וועלען ווירקען צו די קולטור שטופּע פון ליטעראַטור און פּאָעזיע אין העכסטען זין פון וואָרט. די קונסט־מאָלער וועלען צייכנען אַ נייע שריפט, וואָס וועט דורך שעהנהייט בעגליקען אונזערע אויגען ווי אַ קונסט־ווערק, אַ שריפט וואָס וועט זעלבסט אויך קונסט־ווערק זיין. און אַלע מענשען וועלען עס קענען לערנען. מיט איין וואָרט, אַ שפּראַך וואָס וועט אונז בעשאַפען מוזיקאַלישעס גליק און ערהויבען אונזערע זעעלע צו בעגייסטערונג און עקסטאַזע, אין וועלט־געפיהלען פון פריינדשאַפט און גוטען גייסט,— אַזוי וועט זיך אויך ענטוויקלען אַ וועלטליכע פעראייניגונג פון לויטער אידעאַליסטישען כאַראַקטער, און עס וועט זיך אָנפאַנגען אַ נייע ערא אין דער וועלט, אַ נייער פריהלינג און אַ ווירקליכעס לעבען.

2.

עס איז געוועזען אין אָנפאַנג ווינטער אַמאָל אין אַ שעהנעם טאָג איז אָנגעקומען אַ פּאָסט־עראָפּלאַן מיט אַ געזיכערטען בריעף אויף דער אַדרעס:

וועלט לירישטישער גענעראַל־שטאַב
שטאָדט פון איינזאַמקייט,

פינפטעס אָבסערוואַטאָריום צו
די אונטערהימלישע ספּערע
אויף דעם פּלאַנעט ערדא.

דער וועלט לירישטישער גענעראַל שטאַב האָט זיך נאָר וואָס געהאַט געגרינדעט און האָבען יעדען בריעף אויפגענומען מיט נייגעריגקייט. דער בריעף האָט געלויט ווי פאָלגט:

פערעהרטער וועלט לירישטישער גענעראַל שטאַב!

איהר וועט אַזוי גוט זייט און נאָכפאָרשען ווי ווייט די נאַציאָנאַליזמען און פאָלקס־קולטורען האָבען געווירקט פאַר דעם גליק פון דער וועלט? ווי ווייט די ביז יעצטיגע רעגירונגען און שטאַאַטען האָבען געווירקט פאַר דעם גליק? און ווי ווייט עס האָבען געהאָלפען אַלע בעוועגונגען און אָרגאַניזאַציאָנען ביז יעצט פאַר דעם גליק פון דער וועלט און דער מענשהייט? וואָס פאַר אַ שאָדען ברענגט די אונווי־

סענהייט און די פאלשע רעליגיאנען? אלעם טיעף דורכפארשען, די אורזאכע, דעם פרימיטיוו, דעם פראצעס און די רעזולטאטען. מיט א יאהר שפעטער דארפט דאס פארגעפיהרט ווערען צום לירִסטישען וועלט־געריכט.

מיט טרייען אידעאליסטישען גרוס,

אדאל ברעזאר,

הויפט אסטראנאם פון דריטען
אבסערוואטאריום צו די אונ־
טערהימלישע ספערען אויף
דעם פלאנעט ערדא.

גלייך ווי דער וועלט לירִסטישער גענעראל שטאב האט אויסגע־הערט דעם בריעף, האבען זיי זיך זעהר ערנסט און בעגייסטערט גענומען צו דער ארבייט.

דער פראגראם פון די וועלט לירִסטען איז שוין זעהר בעקאנט. דער פראגראם באזירט זיך פרינציפיעל און הויפטזעכליך אויף דער פילאזאפיע, וויסענשאפט, קונסט, פאעזיע און העכערע מאטעמאטיק, און אויך דורך נאטור און אסטראנאמיע, און אויף די צערטליכסטע מענשליכקייט. — יעדער מענש דארף האבען אלעס, וואס איז נויטיג פאר זיין נאטירליכעם און גייסטיגעם לעבען. קיין מענשליכע גלייכ־הייט עקזיסטירט נישט. פאלגליך מוז יעדער מענש, וואס בעהערשט אין זיך ווערט אייגענשאפטען פאר א קרייז, אדער גאנצע וועלט, אדער אויך פאר די צוקונפטיגע גענעראציאנען, בעקומען זיין חוב און האבען אלעם וואס איז ספעציעל נויטיג פאר איהם. פרייהייט באזירט אויף קולטור־אינטעליגענץ און עדעלע מענשליכקייט, קיין שקלאפעריי, נאר די מענשליכע פליכט פון פערנונפט און קלוגשאפט און מאראלישע איני־ציאטיווע. העלפען שאפען די וועלט און דאס לעבען אזוי ווייט, אז דאס פיעל געטרוימטע פאראדיעז זאל ווערען ווירקליך און רעאל אויף אונזער וועלט; אז גליק, פריידיגקייט, ליעבע און ווירקליכעם לעבען זאל הערשען איבעראל; אונטערברענגען די איבלען, וואס ברענגען שאדען און אזוי ווייטער... ארגאניזירען אלעם דורך קלאהרע וויסענ־שאפט און ציוויליזאציאן, דורך קונסט און פאעזיע.

3.

צו פייערן די פאלקאמענהייט פון דעם טעמפעל פון די פערעס־פעקטיווען האבען זיך אויך פארזאמעלט איין אבטהיילונג פון די וועלט

לירישטישע לופט פלאטע, וועלכע האט ארומגעשוועבט אין דער הויך און אראפגעווארפען בלומען, וואס האבען פערברייט וואונדערליכע דופטען, א קינסטלער ארקעסטער האט מוזיצירט פון דער הויך אויף דריי עראפלאנען די מוזיק פון בעטהאווען, וואגנער, טשייקאווסקי און ליסט — אויף אנדערע דריי עראפלאנען האט זיך פון צייט צו צייט געלאזט הערען א וואונדערבארער כאהר.

צו אראנזשירען אזא צערעמאניע אין דער לופט איז געווים רעזי־קאליש, און די וועלט לירישטען זיינען זעהר מענשליך און פערמיידען אלעס וואס קען ברענגען אונגליק. די וויסענשאפט האט אבער שוין אזוי וויט דערגרייכט, אז די עראפלאנען זיינען געווען זיכער דורכאויס און יעדער איז געווען וויסענשאפטליך איבערציינגט דערין.

דער הימעל איז געווען וואונדערליך ריין און בלאה, און די לופט האט דעם מענשען צו לעבענסלוסט און גליק גערופען. און א פריידיג־קייט האט געהערשט איבעראל, יעדער האט געפיהלט ווי עס שאפט זיך די נייע וועלט, דאס נייע לעבען.

א פראכטפולער זונען־אונטערגאנג האט זיך בעוויזען בעשטראה־לענדיג דעם הימעל מיט רויטען פורפור, און די וואונדער־שעהנע עראַ־פלאנען, וועלכע זיינען געווען אין קונסט־פארמען געשאפען, האבען ארומגעשוועבט מאיעסטעטיש ווי אין דעם באלעט פון שטאלץ און שעהנהייט... אווענד צופאל איז צוגעקומען ברענגענדיג מיט זיך די הערליכע שעהנע נאכט בעשטראהלט פון מאנד און שטערען, און פער־שיעדענע ליכט־הארמאניען האבען זיך אנגעהויבען וויזען אין דער הויך. און טויזענדער וואונדערליכע ראקעטען האבען זיך בעוויזען, זיך פערלירענדיג אין דער לופט אטמאספערע מיט גלאנץ און פראכט.

.4

דאס ערשטע אבסערוואטאריום וואס האט די אויפזיכט צו געזונד און שעהנהייטס קולטור שטעהט אויף א בערג און די שטאדט פון בענק־שאפט און בעגעהר, געריגנגעלט מיט וואונדערליכע שעהנע וועלדער, גערטנער און בלומען. — דארטען געפינען זיך די גרעסטע וויסענ־שאפטס לייט און גרעסטע ערפינדער אויף דעם געביעט פון שעהנהייטס קולטור און געזונד, — דעריבער זעהען מיר אז די יעצטיגע דורות זיינען אזוי שעהן געוואקסען און געזונד ענטוויקעלט, — יעדער מענש איז אזוי שעהן און געזונד ווי דער שעהנסטער בליהונגס בוים, און יעדער מענש פיהלט אין זיך גוטמוטהיגקייט, פריינדשאפט און ליעבע

צו אלע מענשען אין די וועלט, און אויך צו זיך זעלבסט, — וואס דאס איז געוויס אויך וויכטיג. די יעצטיגע מענשען קענען זיך גאר נישט פארשטעלען די פריהערדיגע צייט ווען עס האבען עקזיסטירט אזוי פיעל שוואכע און קראנקע מענשען און אזוי פיעל דאקטורים וועלכע זענען פיעל מאהל דאך געווען שוואך צו קענען געבען די ריכטיגע הילף. — עס האבען זיך געמעהרט דאקטוירים און זייער לאגע איז אויך נישט גוט געווען. פיעלע דאקטוירים זענען געצווינגען געווען דורך נויט צו בענקען נאך א קראנקען מענשען, און פיעלע האבען מיט ליכט ארום געזוכט א קראנקען מענשען אום צו קענען פערדיענען זייער לעבענס-מיטעל. היינט האבען די דאקטוירים נישט די פריהערדיגע זארגען, זיי האבען זייער איינקונפט פון די געזעלשאפט, און זיי זיינען טהעטיג אויף דעם וויסענשאפטליכען געביעט יעדע קראנקהייט צו פערמיידען. היינט איז אויך יעדער מענש אזוי פיעל בעקאנט מיט וויסענשאפט אז יעדער איז פאר זיך זעלבסט א דאקטאר און יעדער מענש איז אונבעזארגט.

א ו נ ב ע ז א ר ג ט.

שעהנע נאכט, און שעהנער הימעל,
בריליאנטען שטערענדיג בעציערט,
לבנה שיין אין ים געשפיגעלט,
מיט שאטענס פיעל דעם ברעג בעריהרט.

הויכע בערגער, טיעפע טהאלען,
ריעזען בוימער, ווילדע גרויסקייט —
בלומען שעהנע, פערפיום דופטען,
פון דער נאהנקייט און פון וועיטקייט.

און די בערגער ווארפען בליקען —
אויף ווייטע וועיטקייט רונד ארום,
ס'שלאפען רוהיג אלע טהאלען
און אויך די וועלדער זענען שטום...

5.

דאס צווייטע אבסערוואטאריום וואס האט די אויפזיכט איבער שפייז און געטראנק, און צו אלעס וואס איז נויטיג און גוט צום געזונד און גענוס, שטעהט אויף א בארג אין „די שטאדט פון געזעלשאפט-ליכקייט“ נישט ווייט ביי דעם ברעג פון ים. דארטען געפינען זיך

די גרעסטע עקספּערטען און ערפינדער אויף דעם געביעט, און דער מענש איז זיכער אַז די שפּייז וואָס ער געניסט איז געזונד און שטערט נישט דעם שלאָף — נאָר קרעפטיגט אייך מיט לעבען און לוסט. — אַמאָהל איז דאָס אַנדערש געווען, און מיליאָנען מענשען זענען געווען אָפּפער פון אַ שלעכטע נאָהרונג. — אַדאָל ברעזאר האָט אַמאָהל אריינגעבליקט דורך אַ פּערספּעקטיוו אין דער געשיכטע — האָט ער געזעהן אַז עס איז געווען אַ צייט ווען די קינדער פון בגתן און תרש האָבען זיך מאָנאָפּאָליזירט אין די שפּייז פּלעצער פון די וועלט און זענען געוואָרען די רעגעלמעסיגע שפּייז טרעגער פון די מענשהייט. און ווען זיי האָבען געהערט אַז עס ווערט ווער גערופען מיט דעם נאָמען ראש (וואָס דאָס בעדייט עלטסטער אָדער קאָפּף), האָבען זיי געמיינט אַז ער שטאַמט פון אחשורוש האָבען זיי איהם געגעבען אַזעלכע שפּייזען און געטרענקען וואָס האָט איהם געמאַטערט און נישט געלאָזט שלאָפען און בעשאַפען פערשיעדענע שמערצען אָדער געמאַכט פון זיין נאָז אַ קוואַל. — די קינדער פון בגתן און תרש וועלכע זיינען געווען הפקר קינדער אָהן אַ ווירקליכע ערציהונג און מאָראַל האָבען זיך דערוויסט די סודות פון די וויסענשאַפטליכע שאַרלאַטאַנעם וועלכע זיינען געוועזען פאַלש און האָבען אויסגעברענגט די וויסענשאַפט אויף פאַלשע וועגען. און צוליעב אַ געלד שטיק זענען די קינדער פון בגתן און תרש געווען גרייט צו ענטעהרען און צו שאַנדע צו ברענגען דעם בעסטען מענשען. עס האָט שוין געהאַלטען אַזוי ווייט אַז זיי זענען געוואָרען מאַניאַקען פון גלייכהייט, — און ווער עס האָט געהאַט איין אַנדערע מיינונג האָט געקענט ערוואַרטען איין אַטאַקע פון די הפקר קינדער, וועלכע זענען געווען אָרגאַניזירט אין טעלעגראַפישע פערבינדונגען דורך דעם קלאַנג פון גלאָז, טעלער, גאָפּעל, לעפעל און מעסער. זיי האָבען אויך אָרגאַניזירט אַ גאַנצע רייהע אַטענטאַטען וואָס איז בעשאַפען געוואָרען דורך קונצליכע רכילות טרייבערייי, און אַלעס האָט זיך נאָכהער פערלוירען אין געזעלשאַפטליכען זומפּ פון קוואַטשערייי — עס איז גענוג געווען אַז אַ גרויסע צאָהל פון אידיאָטען זאָלען עפּעס בעשליסען און בעשטימען אויסצופיהרען אַזוי האָט עס געמעגט זיין אידיאָטיש אויף די העכסטע מדרגה האָבען זיי זיך בערעכטיגט דערצו.

די נייע צייט האָט אָבער דאָס אינגאַנצען אונטערגעבראַכט און געשאַפען אַ נייע ערא אין די וועלט, און קריסטאַליזירט אַ נייעס לעבען פון געזונד און קראַפט, און פרייהייט, פון די מענשהייט און אינדי־ווידואום.

.6

דאָס דריטע אָבסערוואַטאָריום האָט די פּערספּעקטיוון צו די פּאָעזיע, מאַלעריי, דראַמאַ און קונסט אין אַלגעמיין און איז וואונ־דערבאַר און פּראַכטפול געשטעלט אויף אַ בליהונגס באַרג מיט בלומען און ביימער גערינגעלט אין „די שטאָדט פון הימעל טרוים". — אין דעם אָבסערוואַטאָריום קומען זיך צונויף די גרעסטע פּאָעטען און קינסטלער, די גרעסטע שעפּפער פון די וועלט, די גרעסטע געניען און דענקער, די גרעסטע פילאָזאָפען און ליטעראַטען, און בעשטראַהלען די מענשהייט, דאָס לעבען און די וועלט מיט דעם ליכט פון געדאַנק און חכמה, קונסט און שעהנהייט, פּאָעזיע און דראַמאַ, און די מענש־ליכע זעעלע אין די וועלט איז אימער וואָך אַלעס גוטע איבערצוגעמען מיט גרויס פריידיגקייט לוסט און ליעבע, — דעריבער זעהען מיר אַ נייע געשטאַלט אין די מענשליכע פיזיאָגנאָמיע, גייסטרייך און ערהויבען, שטאָלץ און מענשליך, די אויגען שיינען פּראָפּהעטיש, און די בעוועגונג און שריט איז ריטמיש און מוזיקאַליש. די שעהנסטע און נייעסטע געזאַנגען און מוזיקאַלישע שעפּפונגען צירקולירען אין די וועלט, די העכסטע פּאָעטישע שעפּפונגען און קונסט ווערק ווערען איבעראַל פערברייט, יעדער מענש האָט זיך זיין אויסגעוועהלטע ביבליאָטעק און קונסט זאַמלונג, יעדע שטאָדט האָט אייגענע טעמפּלען פון ליטעראַטור און קונסט, און זאָגאַר יעדעס דאָרף האָט אַ טעמפּעל פון ליטעראַטור און קונסט. און פערגעניגען און פריידיגקייט הערשט איבעראַל. עס ווערען אַראַנזשירט און אויפגעפיהרט ספּעקטאַקלען, אָפּערען, דראַמען, קאָמעדיען, מוזיק קאָנצערטען און פּאָעטישע אַלימ־פּיאַדען, פון אַזאַ הויכע בעדייטונג פון וואָס די אַלטע צייט האָט זאָגאָר נישט געטרוימט, און מיר פיהלען זיך אַזוי פריידיג ווי ביי די ניינטע סימפאָניע פון בעטהאָווען.

די ניינטע סימפאָניע פון בעטהאָווען.

איך הער דיך אָה בעטהאָווען! — דערקלינגען...
אין דיין ניינטע סימפאָניע — דאָס העל וואָרט. —
דער טראַגיזם איז דאָרטען פערלוירען
און דאָס לעבען טריאומפירט אויף דעם אָרט.

אַ נייע צוקונפט בעשיינט דער הימעל
און עס העלט אַ הייליגטום דורך די לופט
ס'איז טיעפע שטילקייט — דאָך גרייפט געטימעל...
און די גאָטהייט רופט — און די גאָטהייט רופט...

און די פריידיגקייט — אין הימליש שטייגען, —
נישט קיינער זינגט אזוי געזאַנג צו גלייך
עס שיינט מיר אַ בילד אין טרוימען־אייגען —
גלייך אַרנאַלד בעקלינס דאַס זעלישע רייך...

דער פריהלינג טאַנצט אין אַ שפּיגעל לאַזור,
ס׳שיינט—זינגסט מיט, דאַך ביזט זעלבסט ענטציקט און שטום—
עס שטראַהלט אויף די העלענישע נאַטור
העלענישע פריילכקייט הערשט אַרום.

און דער וועלט שמערץ איז דאַך טיעף געזינקען
ס׳איז נישט דאַ קיין זאָרג און ערדישעס לייד,
און דער געוויסען — אויך נישט פערטרינקען
צו דערהויבען העבער די גרויסע צייט...

און אונטער ערדיש — ווי פון ווייטען
שטראַהלט אויף דאַס פרייד מאַטיוו ליכטיג און העל,
— אזוי ווי בעפרייט פון זילבער קייטען
זענען די ערשטע שריט פון וויאָלין טשעל!...

7.

דאַס פירטע אַבסערוואַטאַריום האַט די פּערספּעקטיווען פון רעגי־רונג און שטעהט וואונדערבאַר געשטעלט אויף דעם „באַרג פריעדענס גליק” אין די שטאַדט פון נייע געדאַנקען, — אויך גערינגעלט מיט שעהנע בליהונגס בוימער און דופטענדע בלומען. — דאַרטען געפינען זיך די גרעסטע דענקער און עקספּערטען אויף דעם געביעט פון רע־גירונגס לייטונג און פערוואַלטונג. — עס ווערען יעדען חודש בעשאַ־פען נייע פּלענער און נייע לייט־מאָטיווען פאַר געזעלשאַפטליכקייט, לעבען און וועלט פון העכסטע קולטור מדרגה אין האַרמאָניע מיט די פּאָעזיע, קונסט, וויסענשאַפט און מענשליכקייט. דאַס פינפטע אַב־סערוואַטאַריום, ווי עס איז שוין בעקאַנט, איז דאַס וויסענשאַפטליכע, און געפינט זיך אין די „שטאַדט פון איינזאַמקייט” אויך אין גאַר גוטע אַטמאָספערע און אומגעבונג. און די גרעסטע פאָרשער, וויסענשאַפטס־לייט און ערפינדער געפינען זיך דאַרט, און יעדען טאַג ווערען נייע וויסענשאַפטען געשאַפען, נייע וועלטען ענטדעקט, און נייע ערפינ־דונגען געמאַכט.

דאַס זעקסטע אַבסערוואַטאַריום געפינט זיך אין דאָרף פון די „קריסטאַלענע קוואַלען” און האַט די פּערספּעקטיווען איבער די

נאַטירליכע פּראָדוקציאָן פון די וועלט, און זיי בעוויייזען וואונדער אויף דעם געביעט, זיי בעשאַפען אַזעלכע פּראָדוקטען און פרוכטען וואָס זענען אַזוי גוט, וואָס די אַלטע רעליגיעזע מענשען האָבען זיך זאָגאַר נישט פאַרגעשטעלט אין זייער צוויטוועלטיגען גן־עדן, — די עלטערע לייט פון היינט געדענקען זאָגאַר נאָך די אַמאָהליגע צייט ווען דער וויין איז געווען אַזוי שלעכט. — און זיי קענען גאָר נישט פערשטעהן וואָרום די יוגענד פון היינט איז אַזוי גלייכגילטיג צום היינטיגען וויין וואָס איז אַזוי גוט — און וויסען איהם נישט ווי צו שעצען, נאָר בענקען שוין נאָך אַן אַנדערען וויין. — דעריבער הערען מיר דאָס יעצט וואָס די אַלטע לייט — און דער זיידע זאָגט.

דער זיידע זאָגט.

און איהר וואַרפט די בעכער פאַר דעם טרינק —
ס'איז איין אונבעלייגטע יוגענד האַנדלונג.
איהר דערשעפּפט נישט וואָס איהר קענט צוגלייך —
און צו שנעל בעגעהרט איהר די פערוואַנדלונג...

געהייי׳ איהר אייער ציעל אַזוי שנעל?
אַזוי שנעל ווי איהר מאַכט די פערוואַנדלונג,
און ווען וווירקליך געפינען וואָלט איהר —
וואָלט אונז נישט פערדראָסען אייער האַנדלונג.

יאָ מיר וויסען — געדענקען נאָך פיעל...
אויך מיר האָבען געלעבט אין אַ יוגענד,
וואָלטען מיר אַנדערש געהאַנדעלט נאָר —
וואָלט זיין אונזער צייט לויטער טוגענד.

ליידער קומט חכמה שפּעטער צוגעהן,
ווייל זי קריכט און האָט פיינט זיך צו איילען,
און ווען אַקעגען לויפט איהר צו שנעל —
איינגיגען זיך נאַרהייטען צו ציילען.

וואָס פאַר אַ חכמה בעוויייזט איהר דאָס?
איהר דערטרינקט נישט די וויין פיעלע בעכער, —
און ווען דערטרינקען דעם וויין וואָלט איהר —
וואָלט עס שעהנער זיין בעסער און העכער.

ס'איז אונרעכט אַז פערלוירען זאָל געהן —
עלטסטער וויין אוים דעם ערדישען קעלער,
דעם בעכער דערשעפּפען ביז אין גרונד
אַבער צו שפּעט בעגרייפט איהר דעם פעהלער...

.7

אין א שעהנעם פריהמארגען ווען די מענשען האבען ערוואכט און זענען ארויס פון זייערע גוטע וואהנונגען צום פריהמארגען שפאציער אין די גערטנער פון די „שטאדט פון איינזאמקייט“ האבען זיי געהערט דורכלויפען דורך די לופט א ווארט קלאנג טעלעגראם וואס האט געקלונגען דורך די לופט מיט די ווערטער — פראקלאמאציאן פון אדאל ברעזאר אין וועלט ליריסטישען מארגען בלאט. (נאך אמאהל ווידערהאלט—) פראקלאמאציאן פון אדאל ברעזאר אין וועלט ליריסטישען מארגען בלאט. — גלייך האבען זיך געזעהען גרינע און בלויע אטאמאבילען פון פרעכטיגען מאיעסטעטישען פארם וואס האבען צירקולירט דאס וועלט ליריסטישע מארגען בלאט איבעראל אין יעדען ווינקעל.

די פראקלאמאציאן האט זיך אנגעפאנגען אזוי און אזוי:

„מענשען פון די שטאדט פון איינזאמקייט! — מענשען פון איבעראל — מענשען פון וועלט און פון אלע וועלטען. — דאס וועלט ליריסטישע אידעאל בערופט אייך צו נייעם לעבען, צו נייעם גליק, נייע פריידיגקייט — ליעבע. און נייע ווירקליכקייט — צו איין אלמענשליכעם צוזאמענווירקען פאר אלעם וואס ס'איז גוט, שעהן, הויך און עדעל. — אזוי איז אלץ ווייטער און ווייטער געווען די פראקלאמאציאן פון איבערמענשליכע בעגייסטערונג איבער דאס וועלט ליריסטישע אידעאל,“

נאכהער האט זיך געדרוקט די נייעס פון די וועלט ליריסטישע בעוועגונג, און די נייעס פון די וועלט אין אלגעמיין. נאכהער די פאעטישע, קינסטלערישע, ליטערארישע שעפפונגען, און וויסענשאפטליכע ערפינדונגען פון די לעצטע צייט, — און אויך א בעשרייבונג פון זיבעטען אבסערוואטאריום וואס איז יעצט אויפגעבויט געווארען אין די „שטאדט פון פראקטיק“ — וואס האט די פערספעקטיווען צו די אינדוסטריעלע און ספעציעלע פראדוקציאן פון די וועלט. דער אלגעמיינער פלאן איז אויפצובויען צוועלף אבסערוואטאריומס אין די גאנצע וועלט, — פון וועלכע זיבען זענען שוין פערטיג. נאכהער איז געווען געדרוקט אן ארטיקעל בעטיטעלט „דער געניוס און די וועלט“, וואס האט בעוויזען דעם קאנטראסט פון פערגאנגענהייט און געגענווארט. — אדאל ברעזאר האט אריינגעבליקט דורך זיין פערספעקטיוו אין דער געשיכטע, האט ער געזעהען ווי דער דענקער, דער שעפפער, קינסטלער, דער פאעט, איז געווען א מארטירער אין די וועלט, — און האט געהאט פיעל צו ליידען דורך די ברוטאליזמען פון

דאַמאַלסטיגע רעגירונגען און געזעלשאַפטליכע מדרגה פון יענער צייט, אַ שפּיעלצייג אין די לאַפּעס פון פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע פון פערברעכערישע מאָראַל, — וואָס האָט קיין פּריווילעגיום נישט גע־געבען צו דעם אויסדערוועהלטען מענשען פון קונסט און טאַלאַנט און איבערמענשליכער מדרגה. די וועלט לירישטישע אָרגאַניזאַציאָן האָט אָבער געשאַפען אַ פּראַטעקטאָראַט פון גיגאַנטישע וועלט קראַפט, און אַ נייע זון האָט געשטראַהלט אויף דעם הימעל פון קונסט, ליטע־ראַטור, מוזיק וויסענשאַפט, פּאָעזיע.

זאָגאָר די הפקר קינדער פון בגתן און תרש — זיי האָבען אויך געהאַט די מאַכט צו בעשטימען דעם שיקזאַל איבער די גרויסע דענקער פון יענער צייט. עס איז ווירקליך געווען איין אינקוויזיציאָן פון אידיאָטישע ציוויליזאַציאָן, און אונמאָראַלישען אידעאַליזם, — און ווען אַדאָל ברעזאָר האָט דאָס צוגעזעהן אין דער געשיכטע דורך זיין פּערספּעקטיוו, איז ער בלאַה געוואָרען פאַר אויפרעגונג, און די הענד האָבען זיך ביי איהם צוזאַמענגעדריקט אין פויסטען און מוסקולען — גרייט צו געבען גיגאַנטישע קלעפּ — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — דער וועלט לירישטישער מאָרגען בלאַט איז זעהר פערשפּרייט, — אויך דער אָבענד בלאַט, עס איז נישט דאָ קיין איין ווינקעל אין דער וועלט, וואו דאָס בלאַט איז נישט בעקאַנט. אין פיר און צוואַנציגסטען פריהלינגס טאָג איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַם, אַז אַדאָל ברעזאָר קומט אָן אין די „שטאָדט פון איינזאַמקייט“ זיבען־דרייסיג מאָרגענס מיט דעם לירישטישען וועלט־עקספּרעס.

פון זעלבען אויטאָר
איז ביז יעצט שוין ערשיענען:

---

1. אין גארטען פון טרוים.
2. פעלזען־קלאנגען.
3. דער טהורם פון בלוע בענקשאפט.
4. דער ספעקטאקעל פון די פיראמידען.